17 מחלוקה צווישן זיי. און ווידער האָבן זיי געזאָגט צום
בלינדן: וואָס זאָגסטו וועגן אים, אַז ער האָט דיר
געעפֿנט דײַנע אויגן? ער אָבער האָט געזאָגט: ער
18 איז אַ נביא. די ייִדן האָבן דעריבער נישט געגלויבט
וועגן אים, אַז ער איז געווען בלינד, און איז זעענדיק
געוואָרן, ביז זיי האָבן גערופֿן די עלטערן פֿון דעם
19 זעענדיק־געוואָרענעם, און זיי געפֿרעגט, אַזוי צו
זאָגן: צי איז דער דאָזיקער אײַער זון, וואָס איר
זאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן בלינד? וויאַזוי
20 זשע זעט ער איצט? האָבן זײַנע עלטערן געענט־
פֿערט און געזאָגט: מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער
איז אונדזער זון, און אַז ער איז געבוירן געוואָרן
21 בלינד: וויאַזוי אָבער ער זעט איצט, ווייסן מיר
נישט; אָדער ווער עס האָט אים געעפֿנט זײַנע אויגן,
ווייסן מיר נישט; פֿרעגט אים, ער איז אַ דערוואַק־
22 סענער, ער וועט רעדן פֿאַר זיך אַליין. דאָס האָבן
זײַנע עלטערן געזאָגט, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט
פֿאַר די ייִדן: וואָרום די ייִדן האָבן שוין געהאַט
אָפּגעמאַכט, אַז ווען עמיצער וועט אים אָנערקענען
פֿאַר דעם משיח, זאָל ער געלייגט ווערן אין חרם
23 אַרײַן. דערפֿאַר האָבן זײַנע עלטערן געזאָגט: ער
24 איז אַ דערוואַקסענער, פֿרעגט אים. זיי האָבן דערי־
בער צום צווייטן מאָל גערופֿן דעם מענטשן, וואָס
איז געווען בלינד, און געזאָגט צו אים: גיב אָפּ
כּבֿוד צו ג־ט; מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער מענטש
25 איז אַ חוטא. האָט יענער געענטפֿערט: צי ער איז
זינדיק ווייס איך נישט; איין זאַך ווייס איך יאָ, אַז
26 איך בין געווען בלינד און איצט זע איך. זיי האָבן
דעריבער געזאָגט צו אים: וואָס האָט ער דיר געטאָן?
27 וויאַזוי האָט ער געעפֿנט דײַנע אויגן? האָט ער זיי
געענטפֿערט: איך האָב דאָך אײַך שוין געזאָגט, און